STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00914

ZUN IBER ALTS

Rukhl Fishman

Permanent preservation of this book was made possible by
Michael & Eva Leavitt
in honor of
Lillian Mittelman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

און איבער אַלץ

אַל פּ.ל.מאַן

זון איבער אַלץ



רחל פישמאן



זון איבער אַלץ / רחל פישמאַן / לידער /
געשריבן אין די יאָרן 1958—1960 / פאַרלאַג
י. ל. פרץ, ת״א / שער־בלאַט — דני קאַראַוואַן

ביכער־סעריע יונג־ישראל נומער 6

ZUN IBER ALTS / Rokhel Fishman /
Poems / Printed in Israel, 1962

Publishing House J. L. Peretz
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

נדפס בישראל
Printed in Israel 1962

דפוס „אורלי״, ת״א, טל. 32062

פירפיסיק ליד מײַנס —
געזונט זאָלסטו זײַן !
קום מיט — מיט מיר
אויף אַלע זוניק־גרינע טעג !

לידער צו מײַן געבורטסטאג

לידער צו מײַן געבורטסטאָג

א

זאָלסט זיך תּמיד מיִען
פֿולע עמערס ציִען
פֿונעם ברונעם דײַנע טעג.
און ווי יונג דו זאָלסט ניט ווערן,
און כאָטש שטומפּיק איז דײַן קלערן,
זאָל דיר תּמיד ליבער זײַן —
צו פֿאַרשפּילן אויף אַן אמת
איטלעכע אין אַ שפּיל — דער זיג.
זײַ אַן עקשן,
שפּאַר זיך אײַן,
גיי נאָך דײַן ווילן שפּאַן נאָך שפּאַן.
פֿאָדער אַלץ. נעם פֿריִער אין מויל —
דערנאָך אין קעשענע.
באַריר, באַשמעק.
גיי ניט אַוועק
ביז טעם פֿון זאַלץ
איז טאַקע זאַלץ.
יאָ, פֿאָדער אַלץ
פֿון דײַנע טעג.
צו געלעכטער כאַפּ זיך צו,
פֿון אַלע פֿרײַנד — דער בעסטער.
מיט געלעכטער טייל דײַן סוד:
געלעכטער — זײַ מײַן שוועסטער!
האַק אויס די ציין —
אַבי דערזאָגן ווי מען דאַרף.
צעברעך די פּיס —

אַבי דערגיין.
האָב פֿײַנט דעם שקלאַף
און זײַן געוויין.

נאָר פֿאַרזיכטיק, נשמהלע,
איך וויל נאָך עפּעס זאָגן.
ניט שטענדיק קען מען פֿאָדערן,
ניט תּמיד זאָלסטו יאָגן.
ווען ס׳וועט „גליק”
זײַן בײַ דיר אַ גאַסט —
בײַם איַין די ליפּ.
שלעפּ אים ניט בײַם אָרבל,
פֿאַל אים ניט צו לאַסט.
ווען ס׳וועט די ליבע,
אַ וואַרעמער נס,
שלאָפֿן בײַ דיר אין די האָר —
צי איר ניט בײַם אויער,
פֿרעג ניט צי ס׳איז וואָר.
מאַך ניט קיין געוואַלד,
ברעך ניט אײַן די טיר.
אויגן צו דער ערד.
קינד, מײַן קינד.
וועסט פֿאַרזוכן בלויז
וואָס ס׳איז דיר באַשערט.

ב

„מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פֿאַלסט ניט אויפֿן שׂכל —
פֿאַלסטו אויף דער נאָז".

נאָר אויפֿן שׂכל דאַרף מען דאָך וועלן פֿאַלן.
און די נאָז —
צו וואָס היטן די נאָז?
אפֿשר דאַרף גאָר אַ נאַריש העזל ווי איך,
כּדי צו קומען צום שׂכל —
גוט צעקלאַפּן די נאָז?

תּמעוואַטער האָז,
תּמעוואַטער האָז,
ברעכסט זיך ניט דעם שׂכל —
ברעכט מען דיר די נאָז.

ג

שרײַב װײַטער
מיט בײדע הענט
דײַנע לידער און װערטער.
זינג
דײַן אַרום אַנטקעגן.
און אפשר איז באַשערט,
אַז אַ מאָל װעט אַ בױם אױף דיר װאַרטן,
אַזױ װי ער װאַרט אױף אַ רעגן.

לעב װײַטער מיט בײדע הענט!
עס קענען דײַנע לידער און װערטער
אַלעמען איבערשװײַגן.

ד
אויף טרערן דאַרף מען דאָך אַ סיבה,
נאָר לאַכן
לאַכסטו אַליין.
אין דער פרי — ווײַל ס'איז פרימאָרגן,
אין אָוונט — ווײַל עס קומט די נאַכט.
אויף טרערן דאַרפסטו אָפּגעבן אַ חשבון.
(וואָס וויינסטו, וואָס וויינסטו, מײַן קינד?)
נאָר דײַן לאַכן מעג זײַן הפקר,
מעג זײַן הפקר ווי אַ ווינט.

ה

האָסט גוטע לערער,
וועט נאָך אפשר זײַן פון דיר אַ לײַט.
כאָטש זיצסט ניט רויִק אויף דײַן בענקל
און לאַכסט אָפט מאָל — ניט צו דער צײַט.

מעגלעך
האָסט שוין פריִער געוווּסט —
נאָר ס'האָט ערשט דער גלבוע
דיך באמת אויסגעלערנט
שווײַגן.
דער גלבוע בײַ נאַכט.

אָטעמען שטודירט
האָסטו בײַ אַ פרילינגפעלד.
ביימער נאָך אַ רעגן
האָבן דיר געוויזן
ווי מען טרייסלט אָפּ די טרערן.
לאַנג, אוי לאַנג צוריק,
איך געדענק שוין ניט —
צי דער ים,
דער ערשטער שניי,
צי גאָר אַ זונפאַרגאַנג
האָט עס פון דער ווײַטנס אָנגעקוועלט
ווען דו האָסט די ערשטע חלום-טריט געשטעלט.

אפשר וועט נאָך זײַן פון דיר אַ לײַט!

ו

נאָכן זומער
בלײַבסטו זאַט.
זאַט פון פעלד און פון זײַן שפע.
אַזוי פיל זון און מי געווען.
(וואָס זאָל איך זיך ווינטשן?
וואָס זאָל איך נאָך וועלן —
ווען מיד איז דער גוף און זאַט דאָס געמיט?)
נאָר אַט שלאָפסטו שוין דײַן פאַרדינטן בערן־שלאָף.
לייגסט אַ מידע לאַפּע
אויף דער אייגענער פראַגע און — שלאָפסט.
האָט אָבער דײַן זאַטקייט אַ נשמה —
אַן אייביק הונגעריקע גריל.
עס שטערט אַ פּונק אַ יונגער
דײַן מידקייט שלאָפן שטיל.
וויל איך דיר ווינטשן:
בײַם סוף פון סעזאָנען,
ווען שווער איז דער גוף
נאָר זים דאָס געמיט,
ווי זאַט זאָלסט ניט שלאָפן נאָך זוניקע טעג,
זאָל דיך הונגעריק רייצן און וועקן — אַ ליד!

יולי 1958

ג' בלן –

אלן איך

איינער דעם אַנדערן

מיר האָבן זיך הײַנט
איינער דעם אַנדערן
אויסגעמאַטערט —
די זון און איך.
מיר אַרבעטן ביידע
אין ווײַנגאָרטן.
פֿאַר נאַכט איז די זון
אַוועקגעפֿאַלן הינטערן באַרג,
רויט פֿון אָנשטרענג —
און איך, אַ פֿאַרפּלאָנטע,
בין פֿאַרבליבן אַליין.

יאָ, מיר האָבן זיך הײַנט
אַ ביסל צעהיצט —
די זון
און איך.

קוואַלן

מיט דעם געפערלעכן מוט
פון אַ שיכּור
רייַצן זיך מײַנע גלידער
מיט דער זון:
„מיר רירן זיך ניט פון דאַנען,
ווײַל מיר פאַרמאָגן
קוואַלן שוויים
פון דיר ניט דערשפּירטע.
אונדז טוען נערן
קוואַלן שוויים
נאָך ניט אָנגערירטע״.

מײַנע ברוינע הענט און פּיס
זענען בראַוו און שיכּור,
און זיי רעדן פון היץ.

*

איך בין דורכגעזונט
און אויסגעזונט
און אָפּגעזונט.
פֿראַל מיך אויף,
ווען פֿון מײַן אינעווייניק
אַרויסשיסן
דער הייסער זון-קערן.
איך שלינג אײַן אַזוי פֿיל זון.
איך לאַך און גלי צוריק דער זון
זודיקע סיגנאַלן.
אַלע מײַנע ווינקלען אין דעם ליכט,
נאָר כ'האָב ניט מורא.
אַן אָנגעזונטע
איז מיר אַלץ איינס
צי איך שטראַל,
צי איך ווער באַשטראַלט!

טרויבן

א

אין אַ הייסן בײַטאָג
בעת אַ הייסן שמועס,
האָבן טרויבן
מיר זייער טרוים פאַרטרויט —
זיי ווילן מען זאָל זיי קלײַבן.
אַ פשוטער טרויבן-פאַרלאַנג,
פון פשוטע פײַנע טרויבן.
זיי ווילן מען זאָל זיי וועלן.
און ניט זיי זאָלן פאַרשעמטע
אויפן ווײַנשטאָק הענגען בלײַבן.

הייסע טעג, עס ווערט אַלץ שפּעטער
און אַ טרויבן-טרויער
שטומט אַרויס פון אַלע שורות.
טרייסט די זון דאָס טרויבנפאָלק.
(זי האָט שוין אַזוינס געזען!)
ווינקט צו זיי מיט הייסע ווינקען.
רייטלען, רייטלען זיך די שוואַרצע טרויבן,
און די ווײַסע ווערן בלייכער, בלייכער.
דורכן נעפּל פון די טרויבן-טרערן
לײַכטן טרויבן-אויגן מיט אַ שטילן ברען.

ב

אויב
פון קלײַבן שטומע, זוניקע טרויבן
ווערט מען שטום און פאַרזונט, —
זאָלסטו ניט הייבן דײַן ברעם
אַז דו זעסט:
איך בין זוניק פאַרשטומט.

אויב
פון קלײַבן קלאָרע, זוניקע טרויבן
גלוסטן זיך ווערטער פון לויטערן לויטער, —
זאָלסטו מיך טרייסטן אַז איך וויין.
איך חלום פון אַ ליד,
נאָר זײַן שאָטן האָט אַ הויקער.

אויב
פון קלײַבן זיסע, זוניקע טרויבן
גיסט זיך אין די אָדערן אַ פרייד, —
זאָלסטו מיך לאָזן לאַכן.
אַזוי ווי מען לאָזט
אַ רעגן ווען ער רעגנט,
אַ שניי
ווען ער שנייט.

ערשט איצט,
ווען איך ליג אין שאָטן,
קיל מיט שאָטן אײַנגעדעקט,
דערוועגט זיך מײַן אויג
און דערוועגט זיך מײַן גומען,
נעמען זונען פון אַ וואָך,
אַלע זונען פון דער וואָך,
און מיט קילע שבת־הענט
זיי פֿאַרשפּאַרן אין אַ טראָפּן.
אַלע זונען אין איין טראָפּן.

אוי, ווי הייס,
אוי, ווי רויט.

טונק איך אין דעם טיפֿן טראָפּן אײַן מײַן פּעדער —
און זי גליט.
פּליסט אַ זונליד, פּליסט מיט האָפּן,
נאָר עס בריט, עס בריט, עס בריט.
ווען ס'איז אַ ליד מיט זון געשריבן
מיינט עס נאָך ניט, אַז ס'איז גוט.
אָבער איינס איז זיכער, זיכער:

ס׳וועט די זון אַרײַן אין בלוט.
שטײַגט אַ פּאַרע פון די שורות,
און ביי זיי דער אָטעם — הייס.
ווער עס לייגט זיי צו צום האַרצן
וועט דערפילן זון מיט שוויים.
טונק איך אין דעם רויטן טראָפּן
אײַן מײַן פעדער
און איך וויל —
ברענען זאָלן אײַך די פינגער
אַלע זונען פון מײַן וואָך.

אוי, די פולע זונען־וואָך.

אין אָנהייב

אין אָנהייב
איז געווען די זון.
ס'איז דער עמק —
אַ חן־גריבעלע
דער זונס.
אַלע מילגרוימען
זײַנען אירע בריסט.
און אַלע טרויבן —
אירע שפּיץ־פינגער.
די נעגל פון אירע פּיס —
דערנער אין פעלד.
די ביינדלעך פון איר אויפגעהויבענער פויסט —
דער גלבוע.

אַז די זון
צעפלעכט אירע צעפּ,
און די שוואַרצע האָר גיבן זיך
אַ שפּרייט אויס אויפן קישן —
ווערט נאַכט.
נאָר מיר ווייסן:
איר ראָזעווער אויער,
וואָס רוקט זיך אַרויס
פון אונטערן צודעק —
דאָס איז דער באַגינען,
דער אָנהייב
ווידער.

בְּאַרְבַּע עֵינַיִם

א. געדאַנקען־זשאַבעס

1 אַ גרויסער הונגער
קען זיך קוויקן
מיט אַ האַלבן ביסן.
אַן אַלטער שיכּור —
מיט אַ ליידיקער פלאַש.
און איך,
איך וואָלט זיך היינט באַנוגנט
מיט איין ווינקל אויג.

נאָר די בענקשאַפט
קען פאַרלײַדן
אַזאַ בלויען הימל.

2 וויפל קולות האָט די נאַכט
אין איר שטילסטער שעה —
וויפל קולות?

וויפל ווילן האָט דײַן מוט,
ווען דו אײַן־זיך קוילעסט?
— קולותט.
עס עקט די נאַכט.
פון דײַן אָפּגעשפּאַרטן אויבם
די משוגעתן
טרײַב אַרוים!

3 איך צווייפל —
נאָך ווייניקער פון אַ רעגן,
וואָס לאָזט זיך מיצווההדיק אַראָפּ
און צווייפֿלט
גאָרניט
ניט.

איך ציטער —
נאָך לייַכטער פון אַ וואָלקן,
וואָס יאָגט זיך הפקרדיק אַוועק
און ציטערט
גאָרניט
ניט.

נאָר לאַכן, לאַך איך זיי אַריבער,
און פרייען, פריי איך זיי גלייַך אוים!

4 געדאנקען-זשאַבעס אין דער פינצטער
שפּרינגען
גלײַך אין פּנים אַרײַן.
מײַד איך טאַקע אויס בײַ נאַכט
פּײַכטע, גליטשיקע נשמה-ווינקלען.
אָבער בײַ טאָג
דערפרייי איך זיך
מיט אַזאַ זשאַבעלע.
כ'בין זי מקנא איר חוצפּה,
איר גרינע פלינקייט.
די גרויסע אויגן,
די קילע פיסלעך,
געפעלן מיר גאָר-גאָר.

ב. מיר וואַרטן

1 ניט צו דערטאַפּן מיט דער צונג,
ניט מיט די פינגער פאַרזוכן
אַזאַ פרייד.

ניט צו פאַרשטעלן מיטן העמד,
ניט מיטן אָטעם צו שטילן
אַזאַ פרייד.

2 ס׳האָבן אויפגעטויערט אַרום מיר
יענע ווערטער.
זיי האָבן אָנגעשפּיזט אין מיר.
ס׳האָבן פאַרוואָלקנט איבער מיר
אויסגעפּרוּווטע צייכנס.
זיי האָבן געפינצטערט אין מיר.
ס׳האָט דער יורה פאַרזאַמט.
ס׳האָט די נחמה פאַרבלאָנדזשעט.

3 ווינט ניט אַוועק,
וואָלקן ניט אוים,
בלײַב דאָ מיט מיר.

ווינט — דײַנע האָר,
וואָלקן — דײַן שוים,
קלאַפּן אין טיר.

ווער ניט אַוועק,
ווינקל ניט אוים.
מיר —
וואַרטן אויף דיר.
מיר וואַרטן אויף דיר.

4 איך שטיי פֿאַר דיר
אַט גרין, אַט זילבער,
ווי אַן אײלבערטבוים
פֿאַרן מערבֿ־ווינט.

איך קוק צו דיר
פֿון צווישן בלעטער
מיט נאָך־מער־אויגן
ווי דער בוים.

נאָר ציִען קען איך ניט
אַזוי ווי ער די אָרעמס,
און בייגן מעג איך ניט
אַזוי ווי ער דעם קאָפּ.

ג. רויטער ווייַן

1 צו הויך, צו גרויס,
צו שווער די נאַכט —
צו, צו.

איך דו, איך דו,
און ווידער צו —
דו, דו.

לו שטיל, לו זים,
לו רו, לו צו —
לו, לו.

2 וויקל, פאַרוויקל און טוליע מיך איַין
אין פינצטערניש וויַכער.
פּויקן
זאָל ביַי אונדז אַ רויטער אָטעם,
פּויקן, פּויקן זאָל דער רויטער וויַין!

שמייכל, פאַרשמייכל און צי מיך אַריַין
אין טיפעניש הוילער.
שטיַיגן
זאָל ביַי אונדז אַ זיסער דופק,
שטיַיגן, שטיַיגן זאָל דער זיסער וויַין!

3 ס'טרעפן זיך
אויגן מיט אויגן.
מײַנע — מיט דײַנע.
וועגן דעם ענין — אויגן:
א י י ן מ אָ ל
זאָגן דעם אמת
און זאָל מען מיר מער ניט גלויבן!

4 שפּאַר זיך בעסער אָן אין מיר,
לאָז די ווערטער אָפּ.
ס'וועלן ווערטער צווישן אונדז
פון זינען גלײַך אַראָפּ.

שפּאַר זיך בעסער אָן אין מיר,
האַלט דאָס לאַכן אײַן.
פון אַ לאַכן ווי בײַ אונדז
ווערט פון טרויבן ווײַן.

שפּאַר זיך נענטער אָן אין מיר,
מאַך די אויגן צו.
ס'איז סײַ־ווי
מיט אַ ליכטיקייט
פאַרזיגלט אונדזער רו.

דעצעמבער 1959

אפשטיין

*

כאַפּ אָן דעם לאַכנדיקן קרוג
פון שעהען זוניק-יונגע,
סטרונע אויפ דײַן האַלדז
אַרויף, צוריק,
לייג דרייסט די ליפּן
צו דעם קילן חומר צו,
און גים —
און גים אין זיך אַרײַן
פולע טעג,
לאַנגע מינוטן,
עַד בְּלִי דַי.

אַ שפּאַציר

אונטער דער פּאַכווע
פאַררוקט
אַ ליכטיקן אויסרוף.
אין זכּרון —
אַ היים שווײַגן.
און זיך געלאָזט גיין, גיין.

זאָל דער רעגן אַליין
מײַן צעשויבערט בלוט
פאַרקעמען.
זאָל דער רעגן אַליין
זיך אַ קנייטש טאָן
איבער מײַנע ברעמען.

ס'וועט דער רעגן מיך טרייסטן:
דו זאָלסט זיך ניט שעמען.
דו זאָלסט זיך ניט קלעמען.
און אויף וועמען, אויף וועמען?!

זאָל דער רעגן מיך טרייסטן
און קושן די ברעמען.

יוגנטליד

גוט וואָס דאָ איז דאָ אַ באַרג.
ס׳איז גוט אַזוי.
ווען ער זאָל ניט זײַן,
וואָלט איך אַזוי געוואָלט אַזאַ באַרג.
כ׳וואָלט געזאָגט:
איך וויל אַזוי אַ באַרג...
אַ גרינעם
אַ ברוינעם
אַ שטיינעם
אַ בלומעם
ב אַ ר ג.

גוט וואָס איך בין ניט קיין באַרג.
איך וואָלט אַ שלעכטער געווען.
די מאַמע טאָל ניט געפאָלגט.
מיט מענטשן ניט גערעדט.
און אַ מאָל, אפילו אָפגעלאָזט דעם הימל אַ מינוט,
זיך אַליין אַ קראַץ צו טאָן!

באָטש כ׳וועל דאָך מוזן זײַן אַ באַרג — אַ מאָל.
אַ באַרג פאַר זיך —
מיט „באַרגן״ גלײַך.
און זיצן שטיל
און זיצן שטאָלץ
און וויסן אַלץ.

נאָר כ׳אײַל זיך נים.
דערווײַל
איז גוט צו קלעטערן אויף פרעמדע בערג.
גוט אַרויף און גוט אַראָפּ.
ברייט דער הימל,
טיף דער טאָל.
זי איז נאָך ווײַט, מײַן באַרגן-צײַט

דער יורה

שמאָלע פּלייצעס
האָט דער יורה.
און דאַן
שמייכלען אים אַלע נאָך.
די מענער קלאַפּן אים פֿרײַינדלעך
אויף זײַן דינעם רוקן.
קינדער לויפֿן —
ווילן אָנרירן זײַן גרויו העמד.
ער גיט איין בליק
מיט זײַנע פֿײַכטע אויגן
און גייט ווײַטער.
ס'אַ שמאָלע פּלייצעס ס'האָט דער יורה!

*

מאַמע,
איך קען ניט אײַנשלאָפֿן.
נעם דעק מיך גוט אײַן
מיטן וואָרט „היים”.
איך קען, מאַמע, ניט אײַנשלאָפֿן.

טאַטע,
מיט פֿאַסיקער ערנסטקייט
האָסטו פּאָר מײַנע קינדעריש שטומפּיקע פֿינגער
אַנטדעקט ווי אַזוי
די שיך־בענדלעך פֿאַרבינדן.
ניט צו דערקענען איצטער מײַנע פּיס.
איך יאָג זיך נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג.

טאַטעניו - מאַמעניו —
דעם זומער
האָבן אין די היצן
אַלע מײַנע זיכערקייטן געציטערט.
וועמען האָב איך געזאָלט דערציילן
אויב ניט אײַך?
אַלעמען וואָלט איך דערציילט —
נאָר ניט אײַך.

1955

דווקא

דווקא ווען איך רײַט
אויף אונדזערע אײלבערטבײמער,
פֿיל איך פּעסט אונטער די פֿיס
דאָס פֿעלד.
טויזנט אויגן האָט אַ בוים
ווען מען קומט אים קלײַבן.
(די שווערע וויִעס אַראָפּ).
דווקא ווען עס לײַכטן מיר
אַלע טויזנט אויגן,
ווייס איך
אַז עס פֿעלן אַלץ
צו די טויזנט —
צוויי.

דײַנע אויערן

האָסט
קאַלטע אויערן.

אויף מײַנע האָר
שפּאַר אָן אויער צו.
וועט ער זיך דערוואַרעמען.
דאָרט לויערן
זונען
אויף דײַן קומען.

צו מײַן מויל
לייג אָן אויער צו.
וועט ער זיך דערוואַרעמען.
לאָז דויערן, דויערן.
אַלע זונען
זאָלן שטומען.

★

אַרײַנגעבלימלט האָט זיך ווי אַ שמייכל
אַ פּנים אין זכּרון,
און עס וויל ניט וועלקן.

לויכט אַ ווײַסקייט
ניט געפּרעגט בײַם שׂכל.
נאָר ס׳איז דאָס פּנים גאָר אַ שמייכלענדיקער דאָרן
און זײַן שטאָך,
זײַן שטאָך טוט אויך בײַם וועלקן —
שטעכן.

יִם מיך אַרום

יִם מיך אַרום,
כוואַליע מיך דורך —
און דערנאָך,
כאָטש דו זאַמדסט מיך אַוועק,
בלײַבט מײַן אויער אַ מושל
ווו עס דונערט זכרון,
ווו עס פּערלט דײַן קול.

איך בין אַ גרויסער אָנפאַנגער

איך בין אַ גרויסער אָנפאַנגער.
און איך האָב שווידערלעך ליב
דעם שאַרפן, גרינעם טעם
פון יעדן אָנהייב.
כ׳האָב געלערנט —
און איך האָב פאַרגעסן
דאַטעס, לערער, גראַמען.
נאָר ניט פאַרגעסן וועל איך
די שטראַלעניש
בײַם ערשטן טאָג פון נײַעם שוליאָר!
אָ, תמיד אין אַ ריינעם פרישן העפט!
אָ, תמיד מיט אַ געלן פריש-פאַרשניצטן בלײַער —
פאַרצייכענען דעם ערשטן פאַקט
פון אַ נײַעם וויסן!

ווער דאַרף דען מער.

דער ערשטער בליץ פון פאַרשטיין
איז דער העלסטער,
די ערשטע כּוסע פאַרשיכּורט,
דער ערשטער בליק — —
און מיר איז אַזוי געפעלן
מײַן ערשט ליד,
אַז איך זינג עס ווידער —

תּמיד צום ערשטן מאָל!
איך בין אַ גרויסער אָנפאַנגער.

קום — !

לאָמיר געפינען אַ נײַעם וועג אַהיים,
לאָמיר אײַנשלינגען אַ פרישן פאַקט,
לאָמיר אָנהייבן שיין שרײַבן
אין אַ שפּיגל־ריינעם העפט!

וַיַּרְא כִּי טוֹב

„אַ ביס — פֿאַרפֿאַלן״
ד. האָפּשטיין

ס׳טענהן גלויבערס
(אויך פֿאַרליבטע):
„איך קען ניט אַנדערש...״
און מען מעג זיי גלייבן!

כ׳בין זיך מודה
אין אַן אייביקן אַפּעטיט!
ס׳האָט מײַן צאָן
געלאָזט זײַן צייכן
אין פֿיל, פֿיל טעג,
אין פֿיל, פֿיל עפּל!
וירא כי טוב:
ער האָט געזען —
ער קען ניט אַנדערש!

אַ ביס דער זון, דעם באַרג, צו זיך,
אַ ביס מײַן היים, מײַן ליד, צו דיר,
איך בין פֿאַרגלייבט, פֿאַרליבט — און פֿאַרפֿאַלן!

אַפֿילו

אַפֿילו אַ וואָלקן
האָט ניט אַזוי פֿיל
דאָרשטיקע מײַלער
ווי איך.

אַפֿילו אַ וואָלקן
האָט ניט אַזעלכע
פֿײַכטע וויִעס
ווי איך.

אַפֿילו אַ רעגן
צעקלאַפּט ניט מײַן חלום
אַזוי אין דער נאַכט
ווי דו.
אַפֿילו אַ רעגן.

יאָ, איך בין וואַך.

ווי אַ מילגרוים

איך בין פול —
ניט מיט מצוות:
ווי אַ מילגרוים --
מיט אַפּעטיטן.
און אַט-אַט-אַט פּלאַצט
פון אונטער מײַן הויט
אַ רויט געלעכטער
אַרויס.

אַ בין
קען פון זשומען אַראָפּ
אויס קינאה:
אַלע קעמערלעך בײַ מיר אין האַרצן
זײַנען אָנגעגאָסן
מיט זאַפט, מיט ליכט —
געדיכט, געדיכט.
פ ר י י ד ן
שיכט אויף שיכט.
און איך מעסט זיי ניט מיט מאָסן,
און איך פרעג ניט קיין פאַרוואָסן.
גאָלע פריידן
דײַן געזיכט,
שיכט אויף שיכט.

טאָמער בלײַב איך אַזוי
נאָך איין מינוט,
פֿראַלט אויף אַ פענצטער
אין מײַן בלוט —
„גוט-מאָרגן״
וועל איך שרײַען.
איין איבעריקער טראָפּן זונגליק —
און די מילגרוימען האַלטן אויך ניט אויס.
סאַראַ רויטע ציינער!
סאַראַ רויט אומגליק!

תרי״ג זיסע עבירות,
תרי״ג זאַפטיקע פריידן
קלײַב איך מיט די פּירות.
קלײַב איך —
פֿאַר אונדז ביידן.

בית־אלפא,
סעפטעמבער 1960

אינהאַלט

לידער צו מײַן געבורטסטאָג 7

די זון און איך

איינער דעם אַנדערן 19

קוואַלן 20

איך בין דורכגעזונט 21

טרויבן 22

שבת 24

אין אָנהייב 26

בְּאַרְבַּע עֵינַים

א. געדאַנקען־זשאַבעס 29

ב. מיר חאַרטן 33

ג. רויטער חײַן 37

אַפּעטיטן

כאַפּ אָן דעם לאַכנדיקן קרוג 43

אַ שפּאַציר 44

יוגנטליד 45

דער יורה 47

* 48

דווקא 49

דײַנע אויערן 50

אַריינגעבלימלט האָט זיך ווי אַ שמייכל 51

ים מיך אַרום 52

איך בין אַ גרויסער אָנפאַנגער 53

וירא כי טוב 55

אפילו 56

ווי אַ מילגרוים 57